**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/28/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון 4.4 מיליאן דאלארדיגער בריק ערזעצונג פראיעקט העכער די טרו-וועי אין גרין קאונטי**

***Cauterskill Road בריק ווערט ערזעצט מיט נייע סטרוקטור***

***נייע בריק וועט אריינרעכענען זיכערהייט אייגנשאפטן און וועט זיין העכער פון אונטן; ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן אין הערבסט פון 2024***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון א 4.4 מיליאן דאלארדיגער בריק ערזעצונג פראיעקט העכער די I-87 אין גרין קאונטי. די Cauterskill Road בריק (ביי מייל שילד 112.7) אין די טאון קעטסקיל וועט ערזעצט ווערן מיט א מאדערנע סטרוקטור. די יעצטיגע בריק איז געבויט געווארן אין 1955 און פירט אריבער Cauterskill Road (קאונטי רוט 47) העכער די טרו-וועי (I-87). די בריק איז איינס פון די צענדליגע וואס זענען מער פון 60 יאר אלט אויף די טרו-וועי וואס דארפן ערזעצט ווערן. אומגעפער 870 וויהיקלס פארן אריבער אויף די בריק טעגליך.

"ניו יארק זעצט פאר צו מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען אין אונזער אינפראסטרוקטור צו פארשטערקערן די זיכערהייט, פארמערן די דויערהאפטיגקייט און פארלענגערן די יארן פון אונזער טראנספארטאציע סיסטעם", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס איז איינס פון צענדליגע פראיעקטן אויף די טרו-וועי און סטעיט שאסייען וואס וועלן זיכער מאכן אז קאמיוניטיס זענען פארבינדן זיכערערהייט."

**טרו-וועי אויטאריטעט צייטווייליגער עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פרענק ג. האור, עסקווייער, האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז א ביישפיל פון די אויטאריטעט צוריק אינוועסטירנדיג טאל דאלארן צו אדרעסירן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור אויף די טרו-וועי סיסטעם. די 70-יאר-אלטע בריק וועט ערזעצט ווערן מיט א נייע סטרוקטור וואס וועט נאכקומען מאדערנע סטאנדארטן, פארשטערקערן זיכערהייט און גיבן א פארבעסערטע ערפארונג פאר דרייווערס ביים פארן."

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג צו ערזעצן די נאענט צו 70-יאר-אלטע Cauterskill Road בריק העכער די I-87 אין גרין קאונטי וועט העלפן זיכער מאכן אז רייזער האבן א זיכערערע רייזע און אז אונזער לאקאלע אינפראסטרוקטור איז בעסער אויסגעשטאט צו נאכקומען די פראוון וואס ווערן געברענגט דורך שווערע וועטער. איך באדאנק די טרו-וועי אויטאריטעט און גאווערנער האקול פאר זייער צוזאמענארבעט ביים גיבן פריאריטעט פאר די זיכערהייט און אויפהאלטונג פון אונזערע שאסייען און בריקן."

**אסעמבלי מיטגליד קריס טעיג האט געזאגט,** "די אנגייענדע אויפפרישונג און פארבעסערונג פון אונזערע שאסייען און בריקן איז א וויכטיגע פאראנטווארטליכקייט פון די סטעיט, און איך בין פרייליך אז

מיר פארשפרעכן ווידעראמאל באדייטנדע מיטלען צו זיכער מאכן אז די Cauterskill Road בריק בלייבט שטארק און פארלעסליך. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול און איר מאנשאפט פארן שיקן נאך 4.4 מיליאן דאלאר פאר אונזער הויפטשטאט ראיאן אינפראסטרוקטור, און איך בין פריילך צו הערן אז אונזערע בריקן וועלן בלייבן שטארק און פארזיכערט פאר מיליאנען מער דרייווערס."

די עקזיסטירנדע סטרוקטור וועט ערזעצט ווערן מיט א נייע בריק וואס איז העכער פון אונטן ווי קארן פארן אונטער די בריק, פון 14 פיס און 9 אינטשעס ארויף צו 16 פיס און 8 אינטשעס, זיכערהייט צוימען, שנייע צוימען און א נייע איבערפלאך פאר די קארן.

אנגעהויבן פון אפריל 1 וועט די Cauterskill Road בריק זיין פארמאכט פאר טראפיק, און א 12-מייל-לאנגע אומוועג וועט ארייגעשטעלט ווערן אין פלאץ. דרייווערס זאלן נעמען די Cauterskill Road/County Route 47 north, זיך דרייען רעכטס אויף NY-23 East און דאן זיך דרייען רעכטס אויף די US-9W South צו קעטסקיל, זיך האלטן רעכטס אויף Cauterskill Ave. און דאן זיך דרייען רעכטס ארויף צו Cauterskill Road. דרייווערס וועלן זיך מעגליך אנשטויסן אין שטייטערע אדער אפגעשטעלטע טראפיק אויף די טרו-וועי דורכאויס קאנסטרוקציע. עלעקטראנישע שילדן וועלן ווארענען דרייווערס איבער די קאנסטרוקציע ארבעט און גיבן אומוועג אינפארמאציע.

Bette & Cring LLC פון לעיטהעם, ניו יארק איז די פראיעקט קאנטראקטאר נאכפאלגנדיג א פראצעדור צו אויסוועהלן די בעסטע פארשלאג. קאנסטרוקציע איז ערווארטעט צו זיין פארטיג אין הערבסט פון 2024. די ארבעט ווענדט זיך אויף די וועטער און די דאטומען קענען זיך טוישן.

דרייווערס ווערן געמוטיגט צו זיין אויף די וואך און אויספאלגן די געשילדערטע ארבעט זאנע שנעלקייט באגרעניצונג. קנסות זענען געדאפלט פאר'ן פארן שנעל אין אן ארבעט זאנע.

צו נאכמער פארבעסערן זיכערהייט פאר ארבעטער אין אן ארבעט זאנע, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א געזעץ צו אוועקשטעלן די אויטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט אינפארסירונג פילאט פראגראם. דער זיכערהייט אינפארסירונג פראגראם האט זיך אנגעהויבן אין אפריל 2023 און וועט זיין אין קראפט אין פארשידענע בוי-ארבעט זאנעס אויף די טרו-וועי. ארבעט זאנעס מיט קאמערא אינפארסירונג וועלן האבן קלארע שילדן פירנדיג צו די ארבעט זאנע. דרייווערס וועלכע פארלעצן די ספּיעד לימיט וואס שטייט אויף די שילדן אין די ארבעט זאנע וועלן באקומען א טיקעט. פארלעצונג טיקעטס וועלן ארויסגעשיקט ווערן צו די קאר'ס רעגיסטרירטער אייגנטומער דורך די פאסט. מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם קען געפונען ווערן דא.

די אויטאריטעט'ס 2024 בודזשעט אינוועסטירט א סך הכל פון $451 מיליאן צו שטיצן איר קאפיטאל פראגראם, וואס איז ערווארטעט צו אינוועסטירן $2.4 ביליאן אין קאפיטאל פראיעקטן אין לויף פון די קומענדיגע פינף יאר — א $500 מיליאן העכערונג נאך די לעצטיגע באשטימטע טאל ענדערונג. די העכערע אינוועסטירונג וועט פירן צו ארבעטן אויף אומגעפער האלב פון די טרו-וועי'ס איבער 2,800 לעין מייל ווי אויך פראיעקטן אויף אומגעפער 90 פון די טרו-וועי'ס 817 בריקן.

כדי צו באקומען די לעצטע אינפארמאציע איבער רייזע אומשטענדן ווערן דרייווערס ערמוטיגט צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו דאַונלאָודען אומזיסט אויף iPhone און Android כלים. די עפּ גיבט דרייווער דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טראפיק און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. רייזנדע קענען אויך באזוכן די טרו-וועי אויטאריטעט'ס אינטעראקטיווע רייזער מאפע וואס האט לעבעדיגע טראפיק קאמעראס. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען TRANSalert אימעילס, וועלכע גיבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן